Publié par la Maison de la culture yiddish - Bibliothèque Medem, avec le concours de la Délégation Générale à la Langue Française & de la Fondation pour la Mémoire de la Shoah

# דער ייִדישער טעם־טעם

אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

אַ פּובליקאַציע פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק

יאָר 18, נומער 1 (86)

כּיסלו תּשע״ג/נאָוועמבער 2012

# ייִדיש אין אונעסקאָ[1]

דעם 12טן און 13טן נאָוועמבער איז פֿאָרגעקומען אין פּאַריז, אינעם בנין[2] פֿון אונעסקאָ, אַן אינטערנאַציאָנאַלער סימפּאָזיום[3] מיטן טיטל „ייִדיש – נאָך אַלץ און ווײַטער“[4]. פֿאַר וואָס דווקא[5] אין אונעסקאָ ? איינע פֿון די סיבות[6] איז זיכער דער פֿאַקט אַז ייִדיש געפֿינט זיך אויף דער ליסטע פֿון שפּראַכן אין סכּנה[7], וואָס איז צונויפֿגעשטעלט געוואָרן דורך אונעסקאָ. אירען אָרעס[8], אַ ליבהאָבערין פֿון ייִדיש און אַ טוערין[9] פֿון דער אָרגאַניזאַציע בני־ברית[10], וואָס האָט אַ פֿאָרשטייערשאַפֿט[11] בײַ אונעסקאָ, האָט געהאַט דעם געדאַנק דאָרטן צו אָרגאַניזירן אַזאַ צונויפֿטרעף. דער מיטאָרגאַניזאַטאָר איז געווען דער פּאַריזער ייִדיש־צענטער – מעדעם־ביבליאָטעק.

אינעם סימפּאָזיום האָבן אָנטייל גענומען אַרום 25 רעדנערס פֿון פֿראַנקרײַך, ענגלאַנד, דײַטשלאַנד, פּוילן, ישׂראל[12], אַמעריקע און אויסטראַליע. צווישן זיי זענען געווען ניט נאָר אָנערקענטע פֿאָרשער[13] נאָר דווקא אַ סך יונגע מענטשן, וואָס האָבן זיך געטיילט מיט זייערע דערפֿאַרונגען[14] אויף אַלערליי געביטן[15]. אין וואָס איז באַשטאַנען[16] דער סימפּאָזיום ? בײַ דער דערעפֿענונג האָט מען געהערט גרוסן פֿון פֿאָרשטייער פֿון אונעסקאָ, בני־ברית און פּאַריזער ייִדיש־צענטער. רחל ערטעל[17], אַן אָנגעזעענע[18] פֿאָרשערין פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור, איבערזעצערין און לערערין האָט געגעבן אַ טיפֿן אַרײַנקלער אין דער געשיכטע פֿון ייִדיש און דער באַציִונג צו דער שפּראַך נאָכן חורבן[19]. דערנאָך האָט מען, אין אַ ריי רונדע טישן, גערעדט וועגן פֿאַרשיידענע אַספּעקטן פֿון ייִדיש־אַרבעט, פּערזענלעכע, טעאָרעטישע און גאָר פּראַקטישע. ס'איז געווען די רייד וועגן דעם ווי אַזוי דערציִען קינדער אויף ייִדיש און ווי צו לערנען מיט דערוואַקסענע, ייִדן אָדער ניט־ייִדן. אַ כּלי־זמר[20], אַ זינגער, אַ טעאַטער־דירעקטאָרשע און אַ יונגע דיכטערין האָבן גערעדט וועגן שאַפֿן אויף ייִדיש הײַנט צו טאָג. אויף דער סעסיע געווידמעט נײַע קאָמוניקאַציע־מיטלען האָט מען דערקלערט ווי אַזוי די מאָדערנע טעכנאָלאָגיעס (אינטערנעץ, דאַטן־באַזעס, קאָמפּיוטער־פּראָגראַמען, נומעריזאַציע[21] פֿון ביכער און צײַטשריפֿטן) קענען העלפֿן סטודענטן, פֿאָרשער און סתּם[22] ייִדיש־לייענערס. מע האָט געקענט הערן גבֿית־עדותן[23] פֿון מענטשן פֿון פֿאַרשיידענע פֿאַכן[24], וואָס ייִדיש איז געוואָרן (אַ מאָל גאָר אומגעריכט[25]) דער סאַמע עיקר[26] אין זייער פּערזענלעכן און פּראָפֿעסיאָנעלן לעבן. צום סוף[27] האָט מען באַרירט די קאָמפּליצירטע פֿראַגעס וועגן דעם אימאַזש און דער צוקונפֿט פֿון ייִדיש אין פֿאַרשיידענע לענדער און די מאָטיוואַציעס פֿון יונגע – און עלטערע – מענטשן וואָס ווילן זיך הײַנט ניט נאָר לערנען ייִדיש, נאָר זיך אויסלעבן אין דער שפּראַך. במשך[28] פֿונעם גאַנצן סימפּאָזיום האָט מען געקענט זיך באַקענען מיט אַ סך פֿאַרשיידענע איניציאַטיוון – אינדיווידועלע אָדער אינסטיטוציאָנעלע – אויפֿצוהיטן און צו פֿאַרשפּרייטן ייִדיש. אויף זײַט 2 גיבן מיר אַ סך־הכּל[29] פֿונעם רעפֿעראַט פֿון הינדע בורשטין וואָס האָט געברענגט אַ גרוס פֿון דער ווײַטער אויסטראַליע.

צו די רעפֿעראַטן און דיסקוסיעס האָבן זיך צוגעהערט איבער 400 מענטשן, אויך פֿון דער גאַנצער וועלט, יונגע און עלטערע, ניט אַלע ייִדיש־רעדערס, נאָר אַלע פֿאַראינטערעסירטע אינעם מצבֿ[30] פֿון ייִדיש הײַנט און מאָרגן. איינע פֿון די גרויסע מעלות[31] פֿון דער קאָנפֿערענץ איז טאַקע געווען אַז מע האָט געקענט טרעפֿן אַלטע באַקאַנטע וואָס וווינען אין פֿיר עקן וועלט און זיך באַקענען מיט פֿרישע פּנימער[32].

דער סימפּאָזיום האָט זיך געענדיקט מיט אַ פּרעכטיקן[33] קאָנצערט פֿונעם ישׂראלדיקן[34] זינגער מענדי כּאַהן[35] און דעם פּאַריזער זינגער און פֿידלער עריק סלאַביאַק[36]. זיי האָבן געזונגען ניט נאָר באַקאַנטע ייִדישע לידער נאָר אויך איבערזעצונגען פֿונעם וועלט־רעפּערטואַר אויף ייִדיש.






**אויבן : אונעסקאָ. אונטן : דער קאָנצערט פֿון מענדי כּאַהן און עריק סלאַביאַק.**

1. UNESCO 2. binyen immeuble/building 3. colloque/symposium/כנס 4. Permanence du yiddish/Permanence of Yiddish 5. DAFKE justement/precisely 6. SIBES raisons/reasons 7. ... SAKONE en danger/endangered 8. Irène Orès 9. militante/activist (*fem.*)/פעילה 10. BNEY-BRIS B'naï-B'rith 11. représentation/נציגות 12. YISROEL Israël 13. chercheurs reconnus/recognized scholars/חוקרים מוכרים 14. expériences/חוויות 15. tous les domaines/all areas/כל מני תחומים 16. consistait/consisted/הכיל 17. ROKhL Rachel Ertel 18. éminente/eminent/מכובדת 19. KhURBM Shoah/שואה 20. KLEZMER musicien/musician/מוזיקאי 21. numérisation/digitalization/דיגיטציה 22. STAM tout simplement/just plain 23. GVIES-E'YDESN témoignages/testimonies/עדויות 24. professions/מקצועות 25. d'une façon inattendue/unexpectedly/באופן לא צפוי 26. ... IKER l'essentiel/the main thing 27. ... SOF à la fin/lastly 28. BEMESHEKh pendant/during 29. SAKhAKL résumé/summary/סיכום 30. MATSEV situation 31. MAYLES avantages/merits/יתרונות 32. PE'NEMER visages/faces, *sing.* פנים PONEM 33. magnifique/wonderful/נהדר 34. YISRO'ELDIKN israélien/Israeli 35. Mendy Cahan 36. Eric Slabiak.

# ייִדיש אין אויסטראַליע





**אויבן : אַ זומער־לאַגער פֿון „סקיף“.**
**אונטן : אַ ייִדישע מאַפּע פֿון אויסטראַליע.**

ווען מע רעדט וועגן דעם ייִדיש־לעבן אַרום דער וועלט דערמאָנט מען דער עיקר[1] אייראָפּע, אַמעריקע און ישׂראל[2]. וויפֿל אייראָפּעיִשע ייִדישיסטן ווייסן אַז ס'איז דאָ אַ וויכטיקער ייִדיש־צענטער אין אויסטראַליע ? אויפֿן אונעסקאָ־סימפּאָזיום (זעט ז' 1) האָט הינדע בורשטין[3] געגעבן גאָר אַן אינטערעסאַנטן איבערבליק[4] איבער ייִדישע אינסטיטוציעס אין מעלבורן. הינדע בורשטין איז אַ ייִדיש־לעקטאָרין און קאָאָרדינאַטאָרין פֿונעם יעקבֿ[5] קראָנהיל פּראָגראַם אין ייִדיש לשון[6] און קולטור אין מאָנאַש אוניווערסיטעט (מעלבורן). זי האַלט אויך אין שרײַבן אַ דאָקטאָר־אַרבעט וועגן פֿרויען־פּאָעזיע.

אָנגעהויבן האָט זיך דער רעפֿעראַט מיט אַ געשיכטלעכן איבערבליק און מיט הינדע בורשטינס פּערזענלעכע דערפֿאַרונגען[7] : „ייִדיש־רעדער זײַנען אָנגעקומען קיין מעלבורן אין דרײַ כוואַליעס[8] : אין 1905 נאָך דער רוסישער רעוואָלוציע, קורץ פֿאַר דער צווייטער וועלט־מלחמה[9] און נאָכן חורבן[10]. די אימיגראַנטן האָבן געשאַפֿן וויכטיקע ייִדישע אינסטיטוציעס, צווישן זיי דעם ייִדישן טעאַטער, די נאַציאָנאַלע ביבליאָטעק און קולטור־צענטער „קדימה“[11], דעם ייִדישן אַרבעטער־בונד, דעם „סקיף“[12] (סאָציאַליסטישער קינדער־פֿאַרבאַנד), די י. ל. פּרץ[13]־ און שלום־עליכם[14] קינדער־גערטנער[15] און צוגאָבשולן, ייִדישע צײַטונגען און נאָך. ייִדיש האָט זיך צעבליט[16] אין מעלבורן. איך בין אויפֿגעוואָקסן אין דער בליִענדיקער סבֿיבֿה[17], אַרומגענומען מיט די וואַרעמע אָרעמס פֿון מאַמע־לשון[18] און טעטיקער[19] ייִדישער קולטור. ייִדיש לעבט נאָך אַלץ און ווײַטער אין מעלבורן. אַפֿילו[20] הײַנט צו טאָג ווערן געשאַפֿן נײַע גרופּעס און איניציאַטיוון אויפֿצוהאַלטן ייִדיש ווי אַ לעבעדיקע שפּראַך. מײַנע קינדער, מחיהלע[21] און שלום[22] זײַנען געבוירן געוואָרן אין סידנעי אין 2005 און 2006. מיר האָדעווען[23] זיי אויף ייִדיש. ווען די קינדער זײַנען נאָך געווען קליין, פֿלעג איך זיי לייענען די ביכלעך וואָס דער מעלבורנער קאָאַלאַ־פֿאַרלאַג האָט אַרויסגעגעבן אין די 1990ער יאָרן“. הינדע בורשטין האָט געגעבן אַן אויספֿירלעכן באַריכט[24] וועגן די טעטיקייטן[25] פֿאַר קינדער און דערוואַקסענע.

## שולן

דער שלום־עליכם קינדער־גאָרטן איז אַנטשטאַנען אין 1951. הײַנט האָט ער אַן ערך[26] 120 קינדער פֿון 3–5 יאָר אַלט. מע לערנט דאָרטן טאָג־טעגלעך 45 מינוט ייִדיש. די ייִדיש־לערערין, צפּורה[27] געלמאַן, רעדט נאָר ייִדיש מיט די קינדער. זיי זינגען אויך ייִדישע לידער, רעציטירן פּאָעזיע, לערנען זיך דעם אַלף־בית[28] און צו ציילן אויף ייִדיש. צו 5 יאָר גייען די קינדער אַריבער אין דער שלום־עליכם טאָגשול וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אין 1975 מיט 10 שילער. הײַנט האָט די דאָזיקע וועלטלעכע[29] עלעמענטאַרע שול 145 שילער, פֿון פֿאָרקלאַס[30] (קינדער פֿון 5-6 יאָר אַלט) ביז דעם 6טן קלאַס (11-12 יאָר אַלט). מען לערנט דאָרטן צווישן 5 און 7 לעקציעס אַ וואָך ייִדיש און ייִדיש־שטודיעס. דער פּראָגראַם קאָנצענטרירט זיך אויף פֿיר געביטן[31] : לייענען, שרײַבן, רעדן און פֿאַרשטיין. דערצו קומען אויך ייִדישע מעשׂיות[32] און טראַדיציעס. מען לערנט וועגן ייִדישער ליטעראַטור, וועלטלעכער ייִדישער קולטור און ייִדישער געשיכטע. די אָנפֿירערין פֿון ייִדיש־שטודיעס אין שול, חנה[33] גאַוועדאַ, שאַפֿט אויך אָריגינעלע לייען־מאַטעריאַלן. זי האָט שוין געשאַפֿן איבער 70 ביכלעך פֿון פֿאַרשיידענע ניוואָען. דער שלום־עליכם קינדער־גאָרטן און די טאָגשול ציִען כּסדר[34] צו[35] נײַע שילער.
די שול האָט געשאַפֿן אַ צוגאָב־פּראָגראַם פֿאַר אַוואַנסירטע שילער און דערוואַקסענע, אַרײַנגערעכנט[36] דעם מאַטורע[37]־פּראָגראַם, אײַנגעפֿירט אין 2005.

## אוניווערסיטעט

מע קען שטודירן ייִדיש אויפֿן מאָנאַש־אוניווערסיטעט אין מעלבורן. זינט 2003 האָט מען דאָרטן אײַנגעפֿירט אַ פֿולן אונטערגראַדויִר[38]־פּראָגראַם אין ייִדיש. דערנאָך קענען די סטודענטן צוגרייטן אַ מאַגיסטער[39] אָדער אַ דאָקטאָראַט אין ייִדישן לעבן, ליטעראַטור אָדער קולטור. סטודענטן

[סוף ז' 8]

1. ... IKER principalement/mainly/בעיקר 2. YISROEL Israël 3. Hinde Ena Burstin 4. compte rendu/review/סקירה 5. YANKEV 6. LOSHN langue/language 7. expériences/חוויות 8. vagues/waves/גלים 9. MILKHOME guerre/war 10. KHURBM Shoah/שואה 11. KADIMA *littéralt* en avant/*lit.* forward (http://home.iprimus.com.au/kadimah/klibrary.htm) 12. organisation de jeunesse du Bund/youth organization of the Bund/תנועת הנוער של הבונד 13. YITSKHOK-LEYBUSH PERETS 14. SHOLEM-ALEYKHEM 15. écoles maternelles/kindergartens/גני ילדים 16. s'est épanoui/blossomed/פרחה 17. ... SVIVE milieu florissant/flourishing environment 18. ...-LOSHN yiddish 19. actif/active/פעילה 20. AFILE même/even 21. MEKHAYELE 22. SHOLEM 23. élevons/are raising/מגדלים 24. rapport détaillé/detailed report/דיווח מפורט 25. activités/activities/פעילויות 26. ... EREKH environ/about/בערך 27. TSIPOYRE 28. ALEF-BEYS alphabet 29. laïque/secular/חילוני 30. classe préparatoire/pre-school class/כיתה מכינה 31. domaines/fields/תחומים 32. MAYSES contes/stories 33. KHANE 34. KESEYDER constamment/constantly/תדיר 35. attirent/attract/מושכים, *inf.* צוציִען 36. y compris/including/כולל 37. baccalauréat/secondary school diploma/תעודת בגרות 38. licence/undergraduate/תואר ראשון 39. master/Master's/תואר שני

# ייִדיש אין שוועדן

פֿון עוויטאַ וויעצקי[1]



די אוניווערסיטעט־ביבליאָטעק אין לונד

אויף דרײַ טעג סוף[2] אָקטאָבער איז די דרום־שוועדישע[3] שטאָט לונד געוואָרן אַ צענטער פֿון ייִדיש־פֿאָרשונג[4] : צוואַנציק פֿאָרשערס[5] פֿון אייראָפּע, אַמעריקע און ישׂראל[6] זענען זיך צונויפֿגעקומען כּדי[7] פֿאָרצושטעלן זייערע אַרבעטן בנוגע[8] ייִדיש אין 20סטן יאָרהונדערט. די אָרגאַניזאַטאָרן, פּראָפֿ' מאַריאָן אַפּטראָט פֿון דיסלדאָרף, פּראָפֿ' שלמה[9] בערגער פֿון אַמסטערדאַם און ד"ר[10] יאַן שוואַרץ – דער בעל־הבית[11] – פֿון דעם לונדער אוניווערסיטעט, האָבן אָנגערופֿן דעם צוזאַמענפֿאָר אַ „וואַרשטאַט“[12], נאָר אין דער אמתן[13] איז דאָס געווען אַ קאָנפֿערענץ מיט אַ גאַנצער גאַמע[14] ליטעראַרישע, קולטור־היסטאָרישע און לינגוויסטישע טעמעס. דעם טראָפּ[15] האָט מען געלייגט אויף דער נאָכמלחמהדיקער[16] תּקופֿה[17]. אין אײַנקלאַנג מיט דעם האָט דוד[18] שניר פֿונעם אוניווערסיטעט אין קאָלאָראַדאָ געעפֿנט די קאָנפֿערענץ מיט אַ רעפֿעראַט[19] וועגן דעם אינטערעסאַנטן לעבן פֿון דער ייִדישער זינגערין לין יאַלדאַטי, וואָס האָט געשטאַמט פֿון האָלאַנד, האָט איבערגעלעבט דעם חורבן[20] און האָט זיך אָנהייב 1950ער יאָרן באַזעצט אין מיזרח[21]־דײַטשלאַנד. מאַגדאַלענאַ רוטאַ פֿון קראָקע[22] האָט פֿאָרגעשטעלט די ייִדישע פּאָעזיע וואָס מען האָט געשאַפֿן אין פּוילן נאָכן חורבן. מיט פּוילן האָט זיך אויך פֿאַרנומען די מחברטע פֿון די שורות[23], וואָס האָט זיך אָפּגעשטעלט אויף דער טעמע ווי אַזוי ייִדישע לערנביכער[24] פֿון די יאָרן 1945–1949 שפּיגלען אָפּ[25] די סיטואַציע פֿון ייִדן נאָכן חורבן. סימו מויִר האָט אָנגעוואָרפֿן[26] אַ בילד פֿון לעבן פֿון ייִדיש־רעדערס אין פֿינלאַנד. פֿיר יונגע פֿאָרשערס פֿון פּאַריז, וואָס אַרבעטן צוזאַמען איבער אַ פּראָיעקט, האָבן פֿאָרגעשטעלט זייערע אויסערגעוויינטלעך וויכטיקע און אינטערעסאַנטע אַרבעטן : דזשעניפֿער קאַזענאַוו און יהודית[27] לינדענבערג האָבן אַנטפּלעקט[28] פֿאַרן עולם[29] די געשיכטע און די צילן פֿון דער אַרגענטינער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע ייִדנטום“ ; קאָנסטאַנס פּאַרי דע באָלאַרדיער האָט רעפֿערירט וועגן דעם ייִדישן אַרבעטער־קאָמיטעט[30] אין פּאַריז און שמעון פּערעגאָ איז אַרײַן אין פּרטים[31] מכּוח[32] דער פּראַגע, וואָסער ראָל האָט אָנגענומען ייִדיש אין די אָנדענק־צערעמאָניעס[33] וואָס פֿלעגן פֿאָרקומען אין פֿראַנקרײַך. סעט וואָליץ פֿון אָסטין (טעקסאַס) האָט געשילדערט[34] די פֿונקציע פֿון ייִדיש אין נאָכמלחמהדיקע פּיעסעס אין פֿאַרשיידענע לשונות[35].

כאָטש[36] די הויפּטטעמע פֿון דער קאָנפֿערענץ איז געווען דער מצבֿ[37] פֿון ייִדיש נאָך 1945, האָט מען זיך אין צוויי סעסיעס פֿאַרנומען מיט ייִדיש אין אייראָפּע פֿאַר דעם חורבן. תּמר[38] לעווינסקי האָט אויפֿגעדעקט, אַז שווייץ[39], אַן אָרט וואָס געפֿינט זיך געוויינטלעך ניט אויף דער מאַפּע[40] פֿון ייִדיש, איז יאָ געווען אַ וויכטיקער – כאָטש אַ צײַטווײַליקער[41] – צענטער פֿון ייִדיש. מאָרטען טינק האָט באַשריבן די געשיכטע פֿון ייִדישן טעאַטער אין דענמאַרק. הערשל גלאַזער האָט אויסגעאַרבעט סטיליסטישע חילוקים[42] אין די ווערק פֿון מחברים[43], וואָס האָבן געשאַפֿן אין לאָדזש[44]. אַלעקסאַנדראַ געלער האָט פֿאָרגעשטעלט דעם וואַרשעווער זשורנאַל[45] „ליטעראַרישע בלעטער“ ווי אַ צענטער פֿון דער ייִדישער קולטור.

די קאָנפֿערענץ האָט זיך געשלאָסן מיט אַ סעסיע איבער לינגוויסטיק : נעטאַ אַבוגאָוו, וואָס אַרבעט איצט אין אַנטווערפּן[46], האָט פֿאָרגעשטעלט איר פֿאָרשונג וועגן קענטענישן פֿון ייִדיש און דער באַציִונג צו דער שפּראַך צווישן חסידים[47] אין ישׂראל. שטעפֿען קראָג האָט אַנאַליזירט דעם בײַט[48] פֿון דעם ייִדישן לשון אין די חסידישע[49] פּובליקאַציעס.

מען וואָלט געקענט שרײַבן אַ באַזונדערן אַרטיקל וועגן יעדן איינעם פֿון די רעפֿעראַטן, זיי זענען אַלע געווען אי תּוכיק[50] אי פֿאַרכאַפּנדיק[51] ! איר קענט ווײַטער לייענען וועגן ייִדיש אין שוועדן אינעם קומענדיקן נומער.

1. Evita Wiecki 2. SOF fin/end 3. DOREM-... du sud de la Suède/Southern Swedish 4. recherche/research/מחקר 5. chercheurs/researchers/חוקרים 6. YISROEL Israël 7. KEDE'Y afin de/in order to 8. BENEGEYE à propos de/concerning 9. SHLOYME 10. דאָקטאָר 11. BALEBO'S hôte/host/:כאן מארח 12. atelier/workshop/סדנה 13. ... E'MESN à vrai dire/in fact/למעשה 14. gamme/range/מבחר 15. accent/דגש 16. NO'KHMILKHO'MEDIKER d'après-guerre/postwar/שאחרי המלחמה 17. TKUFE époque/period 18. DOVID 19. conférence/lecture/הרצאה 20. KHURBM Shoah/שואה 21. MIZREKH de l'Est/East 22. Cracovie/Cracow/קרקוב 23. MEKHA'BERTE ... SHURES l'auteure de ces lignes/author of these lines 24. manuels/textbooks/ספרי לימוד 25. reflètent/reflect/משקפים 26. esquissé/outlined/תיאר 27. YEHUDIS Judith 28. exposé/revealed/חשפו 29. OYLEM public/קהל 30. Jewish Labor Committee 31. PROTIM détails, *sing.* פרט PRAT 32. MIKOYEKH au sujet de/about/בנוגע ל 33. commémorations/טקס הנצחה 34. décrit/described/תיאר 35. LESHOYNES langues/languages/שפות, *sing.* לשון LOSHN 36. bien que/although/למרות ש 37. MATSEV état/situation 38. TOMER Tamar 39. Suisse/Switzerland 40. carte/map/מפה 41. temporaire/temporary/זמני 42. KHILUKIM différences/הבדלים, *sing.* חילוק KHILE 43. MEKHABRIM auteurs/authors, *sing.* מחבר MEKHABER 44. Lodz 45. revue/journal/כתב עת 46. Anvers/Antwerp 47. KHSIDIM hassidim/Hasidim, *sing.* חסיד KHOSID 48. changement/change/שינוי 49. KHSI'DISHE hassidiques/Hasidic 50. TOKHIK fondamentaux/fondamental/מהותי 51. passionnants/fascinating/מרתק.




# די קונצן־מאַכערס[1] פֿון לובלין

פֿון דניאל קענעדי[2]

איר האָט אפֿשר[3] שוין עפּעס געהערט וועגן אַ פֿעסטיוואַל לכּבֿוד[4] יצחק באַשעוויס־זינגערן[5] וואָס קומט פֿאָר אין פּוילן יעדעס יאָר אין זומער ? זאָלט איר אָבער וויסן אַז עס האַנדלט זיך נישט וועגן איין איינציקן פֿעסטיוואַל, נאָר גאָר וועגן צוויי. פּונקט ווי[6] כּתרילעווקע[7] האָט פֿאַרמאָגט צוויי פֿון אַלצדינג : צוויי שולן[8], צוויי צײַטונגען אאַז״וו[9], זענען דאָ אויך אין פּוילן צוויי פֿעסטיוואַלן לכּבֿוד באַשעוויסן. דער ערשטער, גרעסערער פֿעסטיוואַל, „באַשעוויסעס וואַרשע“ (Warszawa Singera) קומט פֿאָר אין וואַרשע זינט 2004 און דער קלענערער, באַשיידענערער „אויף באַשעוויסעס שפּורן[10]“ (Śladami Singera) האָט זיך אָנגעהויבן אין 2011. וועגן אָט דעם ווייניקער באַקאַנטן פֿעסטיוואַל וועלן מיר דאָ רעדן.

ס'איז אַ וואַנדערנדיקער[11] פֿעסטיוואַל וואָס באַזוכט עטלעכע קליינע שטעטלעך ווי שעברעשין, בילגאָרײַ, יוזעפֿוו, טישעוויץ און בעכעוו, און צום סוף[12] לובלין, אינעם ראַיאָן[13] ווו באַשעוויס האָט פֿאַרבראַכט אַ טייל פֿון זײַן יוגנט און וואָס ער דערמאָנט אין עטלעכע פֿון זײַנע דערציילונגען. דער פֿעסטיוואַל ווערט אָנגעפֿירט פֿון יונגע פֿרײַוויליקע[14], דער עיקר[15] פֿון פּוילן, אוקראַיִנע און ישׂראל[16], אָבער אויך פֿון אַזעלכע לענדער ווי רוסלאַנד, פֿראַנקרײַך אָדער טערקײַ. דאָס רובֿ[17] פֿון זיי – קינסטלער, אַקטיאָרן, מוזיקאַנטן אָדער אַקראָבאַטן.

אין יעדן שטעטל זענען מיר געבליבן אַ פּאָר טעג. ערשטנס האָט מען געהאַלטן כּל־המינים[18] וואַרשטאַטן[19] : פֿון מאָלערײַ, אַקראָבאַטיק, ייִדישן געזאַנג אָדער ייִדיש־שפּראַכלעקציעס פֿאַר אָנהייבערס און נאָך דעם אַ גרויסן ספּעקטאַקל פֿון טעאַטער, מוזיק (צווישן אַנדערע – די פּאַריזער גרופּע „משקה“[20]) און קונצן־מאַכערײַ.

דאָס אַלץ האָבן אָרגאַניזירט די מיטאַרבעטער פֿונעם לובלינער קולטור־צענטער Brama Grodzka - Teatr NN („גראָדזקער טויער“). עס באַשטייט פֿון אַ טעאַטער און אַ מוזיי וואָס געפֿינט זיך בײַם מויער פֿון דער לובלינער אַלטשטאָט. זײַן הויפּטציל[21] איז צו אָרגאַניזירן קינסטלערישע און פּעדאַגאָגישע אַקטיוויטעטן וואָס זאָלן דערמאָנען די לובלינער וועגן דער געשיכטע פֿונעם פֿאַרשוווּנדענעם ייִדישן לובלין. דער טויער שטייט אויפֿן אָרט וואָס איז פֿריִער געווען די גרענעץ[22] צווישן די ייִדישע און קריסטלעכע טיילן פֿון שטאָט, אָבער דער גאַנצער ייִדישער קוואַרטאַל[23], אַרײַנגערעכנט[24] בנינים[25] און גאַסן איז אָפּגעמעקט געוואָרן[26] דורך די דײַטשן. איצט איז פֿאַראַן אַ פּערמאַנענטע אויסשטעלונג[27] פֿון פֿאָטאָגראַפֿיעס, דאָקומענטן און רעקאָרדירונגען וואָס זאָגן עדות[28] וועגן דעם געוועזענעם ייִדישן לעבן אין לובלין און אַ דאַנק אַ געוואַלדיקער[29] פֿאָרשונג[30]־אַרבעט קען מען זיך דערוויסן אַלע פּרטים[31] וועגן די ייִדן וואָס האָבן געוווינט אין יעדן הויז אויף יעדער גאַס פֿון דער פֿאַרמלחמהדיקער תּקופֿה[32].

די יונגע־לײַט פֿון די אַרומיקע שטעטלעך[33] און די לערערס אין די אָרטיקע גימנאַזיעס[34] שפּילן אַ גרויסע ראָלע בײַם פֿעסטיוואַל. זיי נעמען אָנטייל אין אַלע וואַרשטאַטן און העלפֿן די אינטערנאַציאָנאַלע קינסטלער. זיי זענען נײַגעריק[35] און אָפֿן און גיבן דעם אײַנדרוק אַז נאָכן פֿעסטיוואַל וועלן זיי זיך ווײַטער אינטערעסירן מיט באַשעוויסן און מיט דער ייִדישער קולטור בכלל[36].

1. magiciens (réf. au roman *Le Magicien de Lublin*)/magicians (ref. to the novel *The Magician of Lublin*)/קוסמים, מרמז לרומן ״הקוסם מלובלין“
2. Daniel Kennedy 3. EFSHER peut-être/perhaps/אולי 4. LEKOVED en l'honneur de/in honor of 5. YITSKHOK I.B. Singer 6. tout comme/just as/ממש כמו 7. KASRI'LEVKE bourgade fictive/fictional town de/of Sholem-Aleykhem/עיירה דמיונית מכתבי שלום־עליכם 8. synagogues/בתי כנסת 9. און אַזוי ווײַטער etc./וכו׳ 10. traces/עקבות 11. itinérant/wandering/נודד 12. ... SOF enfin/finally/לבסוף 13. district/אזור 14. bénévoles/volunteers/מתנדבים 15. ... IKER surtout/mainly/בעיקר 16. YISROEL Israël 17. ... ROV la plupart/most 18. KOL-HAMINIM toutes sortes/all sorts/כל מיני 19. ateliers/workshops/סדנאות 20. MASHKE 21. but principal/principal aim/מטרה עיקרית 22. limite/boundary/גבול 23. quartier/quarter/רובע 24. y compris/including/כולל 25. BINYONIM immeubles/buildings 26. effacé/wiped out/כאן : נהרס 27. exposition/exhibition/תערוכה 28. ... EYDES témoignent/bear witness/מעידים 29. vaste/huge/רחבת היקף 30. recherche/research/מחקר 31. PROTIM détails, *sing.* PRAT פרט 32. FARMILKHO'MEDIKER TKUFE période d'avant-guerre/pre-war era/לפני המלחמה 33. villages environnants/surrounding villages/הכפרים הסובבים 34. lycées locaux/local high schools/תיכונים מקומיים 35. curieux/curious/סקרנים 36. BIKHLA'L en général/in general/באופן כללי.

# אַ נײַ ביכל לידער אויף ייִדיש

עס איז נאָר וואָס אַרויס אינעם ה. לייוויק־פֿאַרלאַג[1] אין תּל־אַבֿיבֿ[2] דאָס ערשטע ביכל לידער פֿון חיקע ברוריה וויגאַנד[3], מיטן טיטל צי האָט איר געזען מײַן ציג ?. די מחברטע[4], וואָס מיר האָבן זי שוין געדרוקט אינעם ייִדישן טעם־טעם, וווינט אין לאָנדאָן און איז אַ פֿאָרשערין[5] פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור און אַ ייִדיש־לערערקע. זי האָט אָנגעשריבן איר דאָקטאָר־אַרבעט וועגן קבלה[6]־מאָטיוון בײַ יצחק באַשעוויס־זינגער[7]. ס'איז שוין עטלעכע יאָרן וואָס זי דרוקט לידער אויף ייִדיש אין פֿאַרשיידענע צײַטשריפֿטן ווי אויך אין דער אַנטאָלאָגיע טראָט בײַ טראָט : הײַנטצײַטיקע ייִדישע פּאָעזיע (פֿלאָרענץ/מאַקעראַטאַ, 2009). דאָס בוך צי האָט איר געזען מײַן ציג ? נעמט אַרום אַלע אירע ביזאיצטיקע[8] לידער אינעם ייִדישן אָריגינאַל און מיט ענגלישער איבערזעצונג. מע קען עס באַשטעלן בײַ דעם פֿאַרלאַג (info@leyvik.org.il).

צו דעם ערשטן פֿון די צוויי לידער וואָס מיר דרוקן דאָ אונטן האָט לענקאַ ליכטענבערג פֿון טאָראָנטאָ אָנגעשריבן מוזיק און זי זינגט עס אויפֿן קאָמפּאַקטל „פֿרײַ".




## עס כליפּען די מלאכים[9]

עס כליפּען די מלאכים.
מסתּמא[10] האָבן זיי אַ סיבה[11].
זיי האָבן זייערע דרכים[12].
אפֿשר[13] אַ מלאכס[14] אַ פֿאַרבאָטענע ליבע.

אַ גאַנצער מבול[15] פֿון טרערן
פֿונעם העכסטן מלאכים־ראָט[16].
אַ קליינער מלאך יאָגט זיך נאָך אַ שטערן
און בלײַבט אויף גאָטס באַראָט[17].

צי קען דען אַ מלאך טאָן אַן עבֿירה[18] ?
ער קען דאָס ניט פֿאַרשטיין.
צי האָט ער געהאַט אַ ברירה[19] ?
דאָס ווייסט איין גאָט אַליין.

עס כליפּען די מלאכים.
מסתּמא האָבן זיי אַ סיבה.
זיי האָבן זייערע דרכים.
אפֿשר אַ מלאכס אַ פֿאַרבאָטענע ליבע.

## אַרבוזן[20] אין אַ שטײַג[21]

אַרבוזן אין אַ שטײַג –
געפֿאַנגענע
גרינע לבֿנות[22],
זאַפֿטיקע[23],
צײַטיקע[24].

געפֿאַנגענע,
געטוליעט[25]
איינע צו דער צווייטער,
מיט קײַלעכדיקע,
גלאַנצנדיקע פּנימער[26].

געפֿאַנגענע
גרינע לבֿנות –

אַרבוזן אין אַ שטײַג...

5



1. Maison d'édition H. Leivick/H. Leivick Publishing House/הוצאה לאור ע"ש ה. לייוויק (http://www.leyvik.org.il/ArticlesEN2.aspx) 2. TEL AVIV 3. Khayke Brurye Wiegand (www.beruriah-wiegand.blogpost.com) 4. MEKHA'BERTE auteure/author (*fem.*)/מְחַבֶּרת 5. chercheuse/researcher (*fem.*)/חוקרת 6. KABOLE Cabale/Cabala 7. YITSKHOK Isaac B. Singer 8. jusqu'à présent/up to now/עד כה 9. ... MALOKHIM les anges sont en pleurs/the angels are crying/המלאכים בוכים 10. MISTOME probablement/probably/מן הסתם 11. SIBE raison/reason 12. DROKHIM chemins/ways, *sing.* דרך DEREKH 13. EFSHER peut-être/perhaps/אולי 14. MALEKHS d'un ange/an angel's 15. MABL déluge/flood 16. conseil/council/מועצה 17. à la grâce de Dieu/in the hands of God/בידי שמים 18. AVEYRE transgression 19. BREYRE choix/choice 20. pastèques/watermelons/אבטיחים 21. cage/כלוב 22. LEVONES lunes/moons/ירחים 23. juteuses/juicy/עסיסיים 24. mûrs/ripe/בשלים 25. blottis/huddled/מצטופפים 26. PE'NEMER visages/faces, *sing.* פנים PONEM.

# טו בי אָר נאָט טו בי[1] ?

## פֿון עוולין גרומבערג

– האָסטו געזען „טו בי אָר נאָט טו בי“ ?
דרײַסיק גימנאַזיסטקעס[2], אָנגעטאָן אין בעזש[3] קאָלירטע שערצלעך[4], אָן טעם[5] און אָן חן[6], זענען מיר געשטאַנען אין הויף פֿון אַ פּאַריזער גימנאַזיע[7]. איך האָב זי שוין געהאַט באַמערקט פֿון אָנהייב שוליאָר אָן. מיט גרינע און אַ ביסל אַרויסשטאַרציקע[8] אויגן, פֿאַרזשמורעטע[9] פֿון אַ שמייכל, פֿלעגט זי אַלעמען שטיפֿעריש[10] אָנקוקן. אירע בלאָנדע, געקרײַזלטע קורצע האָר, אירע באַוועגונגען און רייד אָן מאַנירלעכקייט[11] וואָס האָבן איר געגעבן אַ ייִנגלישן אויסזען אין קאָנטראַסט מיט די אַנדערע מיידלעך, זענען מיר געפֿעלן. דאָס מאָל האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו שמועסן מיט איר.
– האָסטו געזען „טו בי אָר נאָט טו בי“ ? האָט זי איבערגעחזרט[12], אַ ביסל דענערווירט פֿון דעם תּמעוואַטן פּנים[13] אַנטקעגן איר. איך האָב יאָ עפּעס געהערט וועגן אַ באַרימטן מאָנאָלאָג אין אַ באַרימטער פּיעסע, נאָר אַז מע קען אַזוינס „זען“, דאָס האָב איך נישט געוווּסט.
– ס'איז אַ פֿילם ! דעם פֿילם וועל איך דיר דערציילן. – האָט זי מיר קיין ברירה[14] נישט געגעבן. פֿון מײַנעטוועגן[15], אַבי[16] זי דערציילט עפּעס, בין איך געווען צופֿרידן. קיינער האָט עס נישט געטאָן זינט איך האָב זיך אויסגעלערנט צו לייענען.
און אַזוי האָט זיך אָנגעהויבן דער שענסטער פּעריאָד פֿון מײַן גימנאַזיע־לעבן.
איר דערציילן האָט זיך געצויגן שטיקלעכווײַז[17], אַ פּויזע[18] נאָך אַ פּויזע. און ווען זי האָט געענדיקט, ווי באַלד זי האָט דערפֿילט איר דערפֿאָלג און „דעם עולמס“ פֿאַרדראָס[19] אַז די מעשׂה[20] לאָזט זיך אויס[21], האָט זי גלײַך געפֿרעגט :
– האָסטו געזען „בן־חור[22]“ ?
די לופֿט איז צוריק געוואָרן לײַכט און דורכזיכטיק.
אַזוי האָט זי מיר אויך דערציילט „ברעקפֿעסט עט טיפֿאַניז“ און „פֿאַנטאָמען צו פֿאַרקויפֿן“. און אַ דאַנק איר, דער מאָדנער[23] שעהעראַזאַדע, האָב איך געקענט פֿאַרגעסן די שמוציקע ברוינלעכע ווענט און די גרויע לעקציעס. ווען זי האָט פֿאַרענדיקט אַלע פֿילמען וואָס זי האָט געקענט, האָט זי אָנגעהויבן פֿון ס'נײַ. און נאָך און נאָך. אומדערמידלעך[24] פֿלעגט זי דערציילן. אומדערמידלעך פֿלעגט זיך „דער עולם“ צוהערן. פֿון מאָל צו מאָל האָב איך אויסגעקליבן דעם פֿילם וואָס איך האָב געוואָלט זי זאָל אים דערציילן. „בן־חור“, לויט מיר, האָט געהאַט אַ גרויסע מעלה[25] : ער האָט לאַנג געדויערט. אָבער איך האָב אויך שטאַרק געהאַלטן פֿון „טו בי אָר נאָט טו בי“ צוליב דעם קאָמפּליצירטן סיפּור־המעשׂה[26], וואָס האָט געברענגט צו אַ סך „איך










האָב פֿאַרגעסן דיר צו דערציילן אַז דער דאָזיקער העלד...“, און אַ סך „דאָ דאַרף איך דערמאָנען אַז איידער דאָס איז געשען איז פֿאָרגעקומען...“.
נאָר אויך צו די אַנדערע פֿילמען האָב איך זיך צוגעהערט מיט הנאה[27] און זיך נישט געשעמט צו פֿרעגן כּדי[28] צו פֿאַרלענגערן די מעשׂה : „איך האָב נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַר וואָס דער אָדער דער האָט געטאָן דאָס צי יענץ...“.
מײַן חבֿרטע[29] פֿלעגט גיין אין קינאָ יעדע וואָך. איין מאָל האָט איר מאַמע מיך פֿאַרבעטן מיטצוגיין זען „ברעקפֿעסט עט טיפֿאַניז“. דער פֿילם האָט מיר אויסגעזען נישט שלעכט, נאָר וואָס ? פּונקט[30] 70 מינוט שפּעטער האָט זיך דאָס ליכט פּלוצלינג אָנגעצונדן, מען האָט מיך אַרויסגעשטופּט פֿון זאַל אויף דער טומלדיקער גאַס, און אויס[31]. אַ ביטערע דערפֿאַרונג[32]. צום גליק האָט אויף מאָרגנס, בשעת די פּויזעס, „ברעקפֿעסט עט טיפֿאַניז“ צוריקבאַקומען זײַן עלאַסטישן חן. בשעת[33] דעם דריטן טרימעסטער האָט מען בײַ מײַן חבֿרטע אַנטדעקט טובערקולאָז. דאָס ווײַטערדיקע יאָר האָט זי געדאַרפֿט פֿאַרברענגען אין די בערג. איך האָב זי מער קיין מאָל נישט געזען. אין סעפּטעמבער האָב איך געפֿאָדערט[34] בײַ מײַן עלטערן ברודער, ער זאָל מיך מיטנעמען אין קינאָ. האָב איך געזען אָן אַ צאָל מאַכערײַקעס[35] און צווישן זיי אַ פּאָר שיינע פֿילמען. נאָר אָן דער פֿאַרמיטלונג[36] פֿון דער בלאָנדער און ייִנגלישער שעהעראַזאַדע האָט לאַנג געדויערט ביז זיי האָבן מיר ווידער אַנטפּלעקט זייער כּישוף[37].

1. To Be or Not To Be 2. lycéennes/high school girls/תיכוניסטיות 3. beige/בז' 4. tabliers/(*here*) school smocks/*כאן:* חלוק בית־ספר 5. TAM goût/taste/חסר טעם 6. KHEYN charme/charm 7. lycée/high school/תיכון 8. protubérants/protuberant/בולטות 9. plissés/narrowed/מכווצות 10. espiègle/mischievous/שובב 11. affectation/לא מעושה 12. I'BERGEKHAZERT répété/repeated/חזרה 13. TAMEVATN PONEM figure hébétée/*here* blank face/*כאן:* פנים חסרות הבעה 14. BREYRE choix/choice 15. pour ma part/as for me/מצידי 16. du moment que/as long as/כל עוד 17. par morceaux/in pieces/באופן מקוטע 18. récreation/recess/הפסקות 19. ... OYLEMS ... la déception du "public"/the "audience's" regret/אכזבת הקהל 20. MAYSE histoire/story 21. se termine/was ending/מסתיימת 22. Ben Hur 23. drôle de/peculiar/מוזרה 24. infatigablement/tirelessly/ללא לאות 25. MAYLE avantage/advantage 26. SIPER-HAMAYSE intrigue/plot 27. HANOE plaisir/pleasure 28. KEDE'Y afin de/in order to 29. KHA'VERTE amie/girlfriend/חברה 30. exactement/exactly/בדיוק 31. fini/it's over/*כאן:* וזהו 32. expérience/חוויה 33. BESHA's pendant/during/במהלך 34. réclamé/demanded/דרשתי 35. *ici* navets/*here* second rate films/*כאן:* סרטי בורקס 36. intermédiaire/intervention/תיווך 37. KISHEF magie/magic.

# פֿאָרנאָגראַפֿיע פֿאַר אָנהייבערס



מיר האָבן געזוכט אַ טעמע פֿאַר אָנהייבערס. נו, גוט ! אָבער וואָס ? פּאָליטיק ? מע טאָר נישט ! רעליגיע ? געפֿערלעך[1] ! קלימאַט־ענדערונגען ? איר גענעצט[2] שוין ! נאָך[3] אַן אַרטיקל וועגן די מיסטעריעס פֿון קאָסמאָס, וואָס באַלד וועט מען זיי אַנטפּלעקן[4] ? היי, שלאָפֿט נאָך נישט ! מיר האָבן געפֿונען אַ טעמע : פּאָרנאָגראַפֿיע. און דערצו, סאַדאָ־מאַזאָכיסטישע פּאָרנאָגראַפֿיע. אָט אָט האָט איר געעפֿנט אַן אויג ! איר דאַרפֿט דאָך וויסן אַז די טעמע איז שטאַרק אין דער מאָדע. איר האָט זיכער שוין געהערט וועגן אַן אַמעריקאַנער ראָמאַן וואָס הייסט : Fifty Shades of Grey[5]. עס האָט געהאַט אַ גרויסן דערפֿאָלג[6] און איצט קען מען עס קריגן אויך אין אייראָפּע. אָט איז די מעשׂה[7] : אַ יונג, אָרעם און שיין מיידל באַקענט זיך מיט אַ יונגן, רײַכן און שיינעם מאַן וואָס איז אויך אַ שטיקל[8] סאַדאָ־מאַזאָכיסט. נאָך עטלעכע אַווענטורעס וועלן זיי חתונה האָבן[9] און וועלן זײַן זייער גליקלעך : זי, ער און זייער קליינער קאַנטשיק[10]. מיר האָבן עס נישט געלייענט, וואָס מיינט איר ! נאָר מיר קענען שוין זאָגן אַז עס איז ריין שונד[11], ווי מען רופֿט עס אויף ייִדיש. אין פֿראַנקרײַך הייסט עס וואָקזאַל־ראָמאַנען[12].

אויב איר ווילט דווקא[13] לייענען אַזאַ „מאָדערנעם“ שונד ווי דאָס דאָזיקע בוך און דערנאָך דערציילן וועגן דעם אויף ייִדיש, דאַרפֿט איר דאָך האָבן אַ פּאָרנאָגראַפֿיע־וואָקאַבולאַר. אַגבֿ[14], אַז מען רעדט שוין וועגן שונד : אין מעדעם־ביבליאָטעק איז דאָ אַ גרויסע און זעלטענע[15] זאַמלונג[16] שונד־ליטעראַטור, פּובליקירט אין די יאָרן 1920-1890. און איצט, צום ענין[17] ! אוי ווײ ! צום באַדויערן[18], אין דעם מאָמענט ווען מיר ווילן אײַך געבן דעם פּאָרנאָגראַפֿיע־וואָקאַבולאַר, זאָגט מען אונדז אַז מיר האָבן נישט מער קיין אָרט אויף דער זײַט. וועט עס זײַן אין דעם קומענדיקן נומער. נאָר ווי זאָגט מען : וואָס לענגער מע וואַרט, אַלץ מער פֿאַרגעניגן[19]...



1. dangereux/dangerous/מסוכן 2. bâillez/you're yawning/מפהקים 3. encore un/yet another/עוד 4. dévoiler/reveal/לחשוף 5. Cinquante nuances de Grey/חמישים גוונים של אפור 6. succès/success/הצלחה 7. MAYSE histoire/story/עלילה 8. quelque peu/somewhat/במידת מה 9. KhA'SENE ... se marier/get married/יתחתנו 10. martinet/whip/שוט 11. littérature de bas étage/pure trash/ספרות זולה 12. romans de gare/pulp fiction/ספרות זולה13. DAFKE justement/indeed 14. AGEV à propos/by the way/דרך אגב 15. rare/נדיר 16. collection/אוסף 17. ... INYEN retournons au sujet/to the point/חזרה לעניין 18. malheureusement/unfortunately/למרבה הצער 19. plaisir/pleasure/הנאה.

## אַ וויץ[1] פֿאַר אָנהייבערס



– איך האָב אַ פּראָבלעם.
– וואָס פֿאַר אַ פּראָבלעם ?
– איך בין נעכטן געווען אויף אַן אָוונט בײַ גוטע פֿרײַנד. מען האָט, ווי געוויינטלעך[2], גוט געגעסן און אַ סך[3] געטרונקען.
– נו, וווּ איז דער פּראָבלעם ?
– איך האָב צו פֿיל געטרונקען. האָב איך פֿאַרשטאַנען אַז דאָס בעסטע וועט זײַן צו פֿאָרן אַהיים מיט אַן אויטאָבוס.
– איז וווּ איז דער פּראָבלעם ?
– וואָס וועל איך איצט טאָן מיטן אויטאָבוס וואָס איך האָב געלאָזט שטיין פֿאַר[4] מײַן טיר ?



1. blague/joke/בדיחה 2. comme d'habitude/as usual/כרגיל 3. ... SAKh beaucoup/a lot/הרבה 4. devant/in front of/לפני.




[סוף פֿון ז׳ 2]

פֿון אַנדערע שטעט קענען זיך לערנען דורך ווידעאָ־קאָנפֿערענצן. אין 2011 האָט זיך אָנגעהויבן אַ חודשלעכער[40] פֿאָרש[41]־סעמינאַר אין ייִדיש פֿאַר אַקאַדעמיקער און אַ ברייטערן עולם[42]. דער אוניווערסיטעט שטיצט אונטער אַ פֿאָרש־פּראָיעקט וועגן ייִדיש אין מעלבורן, און אויך, צוזאַמען מיט דער „קדימה“, אַ וועבזײַטל געווידמעט דער ייִדישער פּאָעזיע : http://www.yiddishpoetry.org/

## געזעלשאַפֿטן

„קדימה“, וואָס האָט הײַיאָר געפֿײַערט איר 100סטן יובֿל[43], אָרגאַניזירט פֿאַרשיידענע טעטיקייטן : קאָנצערטן, רעפֿעראַטן[44], פּראָיעקציעס פֿון ייִדישע פֿילמען, ווי אויך אַ ייִדיש־קלוב וואָס טרעפֿט זיך צונויף 30 מאָל אַ יאָר. „קדימה“ פֿאַרמאָגט די גרעסטע ייִדיש־ביבליאָטעק אויפֿן דרומדיקן האַלבקײַלעך[45], מיט אַרום פֿערציק טויזנט ביכער און צײַטשריפֿטן. אין דער ביבליאָטעק טרעפֿן זיך יעדע וואָך צוויי באַזונדערע לייענקרײַזן. פֿון צײַט צו צײַט גיט די „קדימה“ אַרויס דעם צוויי־שפּראַכיקן זשורנאַל[46], *מעלבורנער בלעטער/Melbourne Chronicle*. אין 2011 איז בײַ דער „קדימה“ געגרינדט געוואָרן די ייִדישע טעאַטער־טרופּע „זאַפֿטיק“[47]. די טרופּע איז שוין געפֿאָרן אין מאָנטרעאָל אויפֿן צווייטן אינטערנאַציאָנאַלן פֿעסטיוואַל פֿון ייִדיש־טעאַטער.







אין מעלבורן איז אויך טעטיק דער „בונד“ וואָס אָרגאַניזירט פֿאַרזאַמלונגען, פֿילם־פּראָיעקציעס און געטאָ־אַקאַדעמיעס צום יאָרטאָג פֿונעם אויפֿשטאַנד[48] אין וואַרשעווער געטאָ, דעם 19טן אַפּריל 1943. ער שטיצט אויך אונטער דעם ייִדיש־כאָר[49] „מיר קומען אָן“. די יוגנט־אָרגאַניזאַציע פֿון „בונד“, „סקיף“, טרעפֿט זיך יעדן זונטיק און אָרגאַניזירט פֿאַרשיידענע טעטיקייטן אַרום ייִדיש, אַרײַנגערעכנט אַ ווינטער־ און זומער־לאַגער[50]. עס איז וויכטיק צו אָנערקענען[51] די גרויסע ראָלע פֿונעם „בונד“ פֿאַר דער אַנטוויקלונג פֿון דער ייִדישער קולטור אין מעלבורן – דאָס רובֿ[52] מענטשן וואָס פֿאַרנעמען זיך מיט ייִדיש הײַנט צו טאָג שטאַמען פֿון בונדיסטן און סקיפּיסטן.

די געזעלשאַפֿט „ייִדיש אויסטראַליע“ האָט אײַנגעפֿירט אַ יערלעכן ייִדיש־סוף־וואָך[53], ווו מען רעדט נאָר ייִדיש, ווי אויך אַ יערלעכן ייִדיש־קאַבאַרעט.

פֿון אַפּריל 2011 ביז מאַרץ 2012 איז אין אויסטראַלישן ייִדישן מוזיי פֿאָרגעקומען אַן אויסשטעלונג „מאַמע־לשון – ווי אַזוי האָט ייִדיש געשאַפֿן אַ היים אין מעלבורן“. זי האָט צוגעצויגן איבער 5000 באַזוכער און איבער 400 שולגרופּעס.



דאָס ייִדיש־לעבן אין מעלבורן איז פֿילזײַטיק[54] : מען קען זיך צוהערן צו דרײַ ראַדיאָ־פּראָגראַמען אויף ייִדיש אַ וואָך, ס׳זײַנען דאָ קאַפֿע־אָוונטן, שמועסקרײַזן, קולטור־אָוונטן, אַ שפּאַציר־גרופּע, און נאָך און נאָך. ווי עס האָט געזאָגט הינדע בורשטין – „עס איז גאָר גוט צו זײַן אַ ייִדיש־רעדער אינעם שטעטל מעלבורן !“.

40. kho'ydeshlekher mensuel/monthly/חודשי 41. de recherche/research/מחקר 42. ... oylem grand public/broader public/קהל רחב 43. yoyvl anniversaire/anniversary 44. conférences/lectures/הרצאות 45. do'remdikn ... hémisphère sud/southern hemisphere/חצי הכדור הדרומי 46. revue/magazine/כתב עת 47. savoureux/"juicy"/עסיסי 48. soulèvement/uprising/מרד 49. chorale/choral group/מקהלה 50. colonie de vacances d'été/summer camp/מחנה קיץ 51. reconnaître/recognize/להכיר בערך 52. ... rov la majorité/most of 53. sof-... week-end 54. multiforme/many-sided/רב פנים.

דער ייִדישער
טעם־טעם
אַ פּעריאָדיש בלעטל פֿאַר ייִדיש־לערנערס

דער ייִדישער *טעם־טעם* איז אַ פּובליקאַציע
פֿון דעם פּאַריזער ייִדיש־צענטער –
מעדעם־ביבליאָטעק

אין דעם נומער האָבן מיטגעאַרבעט
יצחק, מאַרי, נאַטאַליאַ,
עוולין, רובי, שרון.

Yidisher Tamtam
Maison de la culture yiddish
Bibliothèque Medem
29 rue du Château-d'Eau
75010 Paris
Tél. : 01 47 00 14 00
Fax : 01 47 00 14 47
tamtam@yiddishweb.com

מע קען אויך לייענען דעם *ייִדישן טעם־טעם*
אויפֿן אינטערנעץ : www.yiddishweb.com
Prix : 2,50 euros אייראָס 2,50 : פּרײַז